תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# אוצר תורה קוואל

## פרשת בהר



### כיתה ו' (א-ב)

הר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו
הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו

בס"ד

# חידו"ת לפרשת בהר

**וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמר.**

פירש"י מה ענין שמיטה אצל הר סיני לומר לך מה שמיטה נאמרו כללותיה ופרטותיה מסיני אף כל המצוות נאמרו כללותיהן ופרטותיהן מסיני, וקשה למה נאמר דבר זה דווקא אצל שמיטה ולמה לא נאמר זה אצל שאר מצוה שידעינן בה שנאמרה בסיני, ונראה לבאר כוונת רש"י ז"ל דהנה יש הרבה כופרים בענין האמונה והם מאמינים שיש בורא עולם, רק כופרים בהשגחת הבורא ית' ואומרים שהקב"ה מסר עולמו ליד הטבע והמשיל את האדם על כל הברואים לעשות בהם כרצונו וליהנות מהם כחפץ לבבו ולא נתן שום פקודה וציווי לאדם מה לעשות ומה למנוע מעשות, ומצוות התורה כולם בדאם משה מלבו, אמנם הבל יפצה פיהם וישנם ראיות חזקות כי התורה ניתנה מפי השי"ת, ואחד מהם היא מצות שמיטה אשר התורה הבטיחה לנו וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית וכו', וצויתי את ברכתי וכו' ועשת את התבואה לשלש השנים, ומי יכול להבטיח כזה אם לא השי"ת בעצמו, הרי שמצות השמיטה בוודאי ניתנה בהר סיני מפי הקב"ה וממנה נלמוד לשאר המצוות שגם הם ניתנו בסיני, וזה כוונת רש"י מה שמיטה נאמרה בסיני שזה ידוע לנו מכח הוכחה שכתבנו, כך תדע מזה שכל המצוות נאמרו בסיני.

**(דברי מהרי"א)**

**בהר סיני וגו'.**

והקשה רש"י מה ענין שמיטה אצל הר סיני, ונראה על פי המדרש אין ישראל ניזונין אלא בזכות האמונה וכתבו המפורשים הטעם שעל זה מגיע שכר בעוה"ז דהוי שכרו ע"י עצמו ועובר על בל תלין משא"כ בשאר המצוות ששמענו עפ"י משה הוי ע"י שליח ואינו עובר על בל תלין, והיינו דכתיב טובים השנים (ששמענו) מפי אחד, ובזה פי' בייטב לב (פרשת ראה) דברי הגמרא כל המענג את השבת נותנים לו כל משאלות לבו, דהנה שבת עיקר האמונה כי ששת ימים עשה ה' וגו' ולכך על שבת מגיע שכר עוה"ז וכמו שכתבו דורשי רשומות "שבת" ר"ת ב'יומו ת'תן ש'כרו, והיינו בתבעו דווקא דבלא תבעו אינו עובר עליו, וז"ש כל המענג את השבת נותנים לו "משאלות לבו" דייקא היינו אם שואל ותבעו נותנים לו שכר בעוה"ז, עכ"ד.

ובזה יש לפרש הכתוב וכי תאמרו מה נאכל וגו' וצויתי את ברכתי לכם וגו' והקשו המפרשים איך ס"ד לשאול מה נאכל דהוא

בס"ד

ח"ו העדר האמונה וי"ל דהנה שמיטת הארץ כבר כתבו המפורשים דהוא ג"כ להשריש האמונה אשר להקב"ה הארץ ומלואה, וזה שפרש"י ושבתה הארץ שבת לה' כשם שנאמר במעשה בראשית ר"ל דשבת בראשית מורה על חידוש העולם כן שבת הארץ רומז לבריאת העולם, ועי' בכלי יקר, ולפי"ז גם על שבת הארץ מגיע שכר עוה"ז כיון שהוא מורה על האמונה אשר שמענו מפי כבודו ית"ש בעצמו ולא ע"י שליח, ויתבאר הכתוב וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית ר"ל כיון דרק בתבעו עובר עליו אבל אם לא תבעו אינו עובר לכן אמר הכתוב וכי תאמרו מה נאכל היינו שיתבע שכרו המגיע לו ואמר הכתוב דאז וצויתי את ברכתי לכם כיון דבתבעו מגיע שכרו תיכף בעוה"ז.

ויתבאר ליישב קושי' רש"י מה ענין שמיטה אצל הר סיני כיון שענין האמונה מפי הגבורה שמענו על הר סיני וא"כ גם ענין שמיטה דהוא ג"כ מורה על האמונה הרי הוא בכלל האמונה אשר נצטוו ישראל על הר סיני יותר מכל המצוות שנצטוו ישראל ע"י שליח ביד משה אל כל ישראל ע"כ יתכן לומר אצל מצות שמיטה בהר סיני.

**(עצי חיים)**

## את כספך לא תתן בנשך

**עס ווערט געברענגט אין ספר "חוט המשולש" א מעשה וואס איז געווען אין די צייטן פון הגאון רבי עקיבא אייגער זצ"ל, אין שטאט פוזנא איז געווען א גרויסער עושר וואס פלעגט פארבארגן געלט אויף ריבית, דאס איז דאך אסור מן התורה.**

**ווען דער עושר איז געשטארבן האבן די חברה קדישא געבעטן פון די משפחה א ריזיגע סכום געלט אויפן קבר.**

**זענען די משפחה געגאנגען זיך באקלאגן אין משפט, דער שופט האט געשיקט רופן דעם רב רבי עקיבא אייגער און האט אים געפרעגט, היתכן ווי אזוי לאזט ער צו מ'זאל נעמען אזא גרויסע סכום געלט אויף אזא קליינע שטיקל ערד, האט אים דער רב געענטפערט: אין די גמרא שטייט אז איינער וואס פארבארגט געלט מיט ריבית וועט נישט אויפשטיין תחיית המתים, איז ביי יעדער וואס ווערט נפטר, בעטן מיר קבורה געלט זייער א קליינעם סכום ווייל מיר ווארטן אויף משיח צדקינו וואס וועט אונז אויסלייזן בקרוב, דעמאלטס וועלן אלע מתים אויפשטיין פון זייער קבר.**

**אבער דער עושר וואס האט אלע יארן גענומען ריבית וועט נישט אויפשטיין תחיית המתים וועגן דעם פארלאנגען מיר פון די משפחה א גרעסערן פרייז ווייל ער וועט ליגן דא אויף אייביג.**

**די הסבר איז זייער געפעלן פאר'ן שופט, און ער האט געהייסן פאר די משפחה זיי זאלן באצאלן וויפיל מ'פארלאנגט.**

# הילולא דצדיקיא

## הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל זצ"ל - כ' אייר

צום צדיק רבי מרדכי פון טשערנאביל זצ"ל, איז אמאל אריינגעקומען איינער פון זיינע חסידים, דער רבי האט אים אויסגעפרעגט זיין סדר היום, און יענער האט דערציילט אזוי.

מיין פרנסה איז, פון דעם וואס איך קויף איין ביי די גוים פארשידענע סחורה און איך ברענג די סחורה אין שטעטל, נאכדעם פארקויף איך דאס פאר די אידן מיט אביסל ריווח, אזוי האב איך גאנץ פיין פרנסה ב"ה.

מיין סדר היום איז אזוי: איך שטיי אויף אינדערפרי, זאג איך ברכת השחר, און איך גיי ארויס פאר'ן דאווענען אינדרויסן פון שטאט צו די גוים איינקויפן ביי זיי די סחורה, איך ברענג דאס אריין אין שטאט צוביסלעך טרעף איך מיינע קונים, ערשט נאכדעם גיי איך דאווענען.

רופט זיך אן צו אים דער טשערנאבלער רבי: דאס אלעס האסטו דאך געקענט טוהן נאכ'ן דאווענען, א איד דארף דאך צום ערשט דאווענען און לויבן דעם באשעפער, ערשט שפעטער טראכטן פון פרנסה. האט דער חסיד געענטפערט: איך וואלט דאס גערן געטוהן, איך האב אבער מורא אז אויב איך וועל ארויס גיין שפעט וועלן קומען אנדערע אויסכאפן די סחורה פון די גוים און איך וועל בלייבן אן פרנסה, דעריבער מוז איך גיין פאר'ן דאווענען, און דער ריבונו של עולם וועט מיר זיכער מוחל זיין.

האט דער טשערנאבלער רבי אים געזאגט: הער זיך צו איך וועל דיר דערציילן א מעשה:

אין א שטעטל איז געווען א מלמד, וואס איז געווען א ספעציאליסט אין זיין ארבעט, ער האט גוט פארדינט פון זיין געטרייע ארבעט, אבער ווען ער האט געדארפט חתונה מאכן די קינדער האט ער נישט געהאט גענוג געלט, איז ער ארויס געפארן אויף די גרויסע וועלט מאכן אביסל געלט.

ער איז געווען זייער א פלאסיגער, און ער האט שטארק מצליח געווען האט ער אפגעשפארט א שיין ביסל געלט, כדי צו קענען חתונה מאכן זיינע אלע קינדער, און עס זאל אים נאך בלייבן אויף דער עלטער צום לעבן, מיט די צייט האט ער אנגעהויבן צו טראכן, ווי אזוי פארט מען אהיים מיט אזא גרויסע סומע געלט, ער מוז אויפן וועג אהיים אדורך פארן וועלדער ווי עס דרייען זיך ארום רויבער'ס גזלנים, האט ער באשלאסן צו קויפן מיט די גאנצע געלט א גאלדענע קייט מיט בריליאנטן, די בריליאנטן אנשליסן אין די קייט, און די קייט וועט ער אנטוהן אונטער אלע בגדים אויפן האלז, אזוי וועט ער נישט דארפן טראגן קיין געלט, אויסער אביסל קליין געלט אויף הוצאות הנסיעה ביז ער וועט אנקומען אהיים, דארט וועט ער צוביסלעך פארקויפן די גאלד מיט די בריליאנטן און אזוי חתונה מאכן די קינדער.

ער האט טאקע אזוי געטוהן, אזא וועג האט גענומען עטליכע וואכן, ווען ער פלעגט אנקומען פאר שבת אין א שטעטל פלעגט ער אריינגיין צום רב, און דערציילט וואס ער טראגט מיט זיך און ער האט דאס איבער געגעבן דעם רב צו היטן ביז איבער שבת.

איין ערב שבת איז ער אנגעקומען אין א קליין שטעטל, ער האט זיך נאכגעפרעגט אויפן רב, האט מען אים געזאגט אז דער רב איז ארויס געפארן, האט ער געפרעגט אפשר איז דא דא דער שוחט אין שטעטל, האט מען אים געענטפערט אז ער איז אויך ארויס געפארן, האט ער ווייטער געפרעגט, ווער איז דא אין שטעטל א באגלייבטער איד, האט מען אים געוויזן אויף א איד א פשוטער מכניס אורח, דארט וועט ער קענען איינשטיין דעם שבת.

דער מלמד איז אריינגעקומען צום מכניס אורח ערב שבת, יענער האט אים אויפגענומען זייער שיין, און וויבאלד עס איז שוין געווען זייער נאנט צו שבת, האט אים דער מלמד דערציילט פון זיין אוצר וואס ער טראגט מיט, ער האט אים געבעטן ער זאל דעם אוצר צוזאמען מיט זיין ביסל קליין געלט באהאלטן אין א גוטן פלאץ ביז מוצאי שבת, דער מכניס אורח האט פון אים גענומען די קייטל מיט די ביסל קליין געלט און זיי באהאלטן צווישן די פסח'דיגע כלים.

גלייך ווען דער שבת איז אריין, האט דער מלמד אנגעהויבן צו טראכטן א שלעכטע מחשבה, וואס האב איך דא געטוהן, איך האב אוועק געגעבן מיין גאנצע פארמעגן צו א איד וואס איך קען אים נישט, ער איז נישט א רב, נישט קיין שוחט, איך האב נישט קיין עדות, ער קען דאך לייקענען שטיין און ביין און זאגן לא היו דברים מעולם, איך בין דאך אומגליקלעך, יעצט איז שוין שבת, וואס קען איך טוהן?

א גאנצן דאווענען איז ער געווען צוטראגן, עס איז געקומען צום עסן איז די קאפ נישט געווען ביי אים, האט ער אנגעהויבן ארום רעדן מיט בעל הבית און אים דערציילן סיפורים פון צדיקים וואס האבן געשטראפט מענטשן וואס האבן בארויבט פרעמדע געלט. דער מכניס אורח האט פארשטאנען אז ער מיינט אים און אז ער איז חושד אז ער וויל אים צונעמען זיין אוצר.

(פארזעצונג אי"ה די קומענדיגע וואך)

בס"ד

דער מכניס אורח האט אים בארוהיגט, אז ער זאל נישט איבער קלערן אויף זיין געלט, און האט אים געזאגט: איך האב נאך ביי קיינעם חלילה קיין פרוטה נישט גענומען, און דו קענסט זיין זיכער אז עס וועט חלילה פון דיר נישט צוגענומען ווערן א האר.

אבער דער מלמד איז נאך אלץ נישט געווען רואיג, א גאנצע נאכט האט ער נישט פארמאכט קיין אויג, יעדע קליינע רעש האט אים פארדאכט אז מ'קריכט שוין צו זיין אוצר און ער ווערט אומגליקלעך, ער האט נאר געווארט עס זאל ווערן טאג, אויך שבת בייטאג האט ער זיך ארום געדרייט דערשטראקן און צוטומלט, ביי די סעודה האט ער כסדר דערציילט מעשות וואס זאל איבער שרעקן דעם מכניס אורח צו טשעפען זיין פארמעגן, וואס ער האט אזויפיל געהארעוועט אויף דעם און אים חלילה אומגליקלעך מאכן, ווי נאר עס איז ארויס דער שבת, איז דער אומגליקליכער מלמד - וואס איז געווען אויסגעמאטערט און כמעט נישט ביי זיך - געקומען צו לויפן נאך הבדלה און האט געבעטן צוריק זיין אוצר, דער מכניס אורח האט אים בארוהיגט, ער איז ארויף אויפן בוידעם, וואו די פסח'דיגע כלים זענעם געלעגן, און האט אים אראפ געברענגט דעם גאלדענעם קייט און אים אנגעוויזן אז עס פעלט גארנישט, עס איז גאנץ און פיין, אבער די ביסל קליין געלט וואס ער האט אים אויך איבער געגעבן צו באהאלטן, האט ער פשוט פארגעסן אראפ צו ברענגען, האט דער מלמד זיך צושריגן און געוויינט, האסט דאך מיר בארויבט!, וואו איז מיין געלט וואס כ'האב דיר געגעבן!, גיב מיר דאס שוין אפ!.

דער מכניס אורח האט זיך באלד געכאפט אז ער מיינט די פאר גראשן וואס ער האט געהאט מיט זיך אויף אונטערוועגנס, דאס האט ער פשוט פארגעסן אראפ צו ברענגען, רופט זיך אן דער מכניס אורח מיט א שמייכל צום אומגעדולדיגן און צוטומלטן מלמד מיט גרויס רחמנות:

א גאנץ שבת ווען איר זענט געווען דערשראקן אויף אייער פארמעגן און איר האט מיר חושד געווען אז איך וויל נישט האלטן מיין ווארט מיטן אפגעבן דעם קייטל מיט די בריליאנטן, דאס קען איך נאך פארשטיין, אבער ווען איר האט געזעהן אז דעם גרויסן אוצר האב איך אפגעגעבן גאנצערהייט אן קיין שום פראבלעם, בין איך דאך געגוג ארענטליך, פארוואס זענט איר מיר יעצט חושד אז איך וועל אייך נישט אפגעבן די פאר קליינע מטבעות וואס איר האט ביי מיר איבער געלאזט פאר א פקדון, דא בין איך שוין נישט ארענטליך?

אזוי רעדנדיג האט ער אים אראפ געברענגט און דאס אים דערלאנגט.

נו, פרעגט דער טשערנאבלער צדיק פאר'ן חסיד: וואס זאגסטו אויף אזא פירונג פון דער מלמד?.

עס איז טאקע זייער מאדנע און נישט צו פארשטיין ענטפערט דער חסיד.

מיר דאכט זיך זאגט דער רבי, אז פונקט אזוי פירסטו זיך אויף!.

יעדע נאכט ווען דו לייגסט זיך שלאפן און דו זאגסט "בידך אפקיד רוחי", גיבסטו איבער דיין גאנצע אוצר דיין נשמה פאר'ן באשעפער.

און יעדן אינדערפרי גיט דער בורא כל עולמים דיר אפ דעם אוצר מיט נאמנות "המחזיר נשמות לפגרים מתים", אט דעם אוצר געטרויסטו אים און ער גיט דיר עס אפ גאנץ, נאר די קליין געלט, די פאר רובל וואס דו פארדינסט אויך דורך זיין ברכה, דאס געטרויסטו אים נישט? גלייבסט נישט אין אים אז ער קען דיר דאס אויך געבן נאכן דאווענען? ביי דעם האט זיך שוין די וועלט אפגעשטעלט? מ'קען אים שוין נישט געטרויען און ווארטן אביסל ביז ער וועט דיר דאס באזארגן?.

דער חסיד האט גוט פארשטאנען די צושטעל פון די מעשה.

ער האט צוגעזאגט דעם רבי'ן צו טוישן זיין סדר היום און ער וועט ארויס גיין צו די ארבעט ערשט נאכ'ן דאווענען, יענער האט נאכדעם מצליח געווען, און עס איז געקומען א ברכה אין זיין פרנסה.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן